בס"ד

דער בלעטל

# טיב הקהילה

אויף אידיש

יו"ל ע"י קהילת שבתי בבית ד'

בנשיאות מורנו ורבנו הרה"צ רבי גמליאל הכהן רבינוביץ שליט"א

**ויקרא**
**ג' ניסן תשפ"ו**

די צייטן לויט אופק ירושלים

**זמני הדלקת הנרות ומוצ"ש**

| | |
|---|---|
| הדה"נ | 5:15 |
| מוצש"ק | 6:29 |
| ר"ת | 7:08 |

**סוף זמן קריאת שמע ותפילה**

| | | | |
|---|---|---|---|
| סוזק"ש א' | 7:59 | סוז"ת א' | 9:15 |
| סוזק"ש ב' | 8:41 | סוז"ת ב' | 9:43 |

גליון מס': קע"ח
שנה ד'

## טיב הפרשה

# וערכו בני אהרן הכהן את הנתחים ואת הפדר

## די חיצוניות'דיגער כבוד - מעורר צו זיין דער כבוד הפנימי

אין די וואכענדיגע פרשה לערנען מיר איבער די קרבנות. מען לערנט איבער וועלכע בהמה איז ראוי פאר א קרבן און וועלכע נישט, און אויך ווי אזוי עס איז צוגעגאנגען די סדר פון מקריב זיין די קרבנות אין דער בית המקדש.

אין דער סדר הקרבנות לערנען מיר אויך אז ווען די כהנים האבן מקריב געווען די קרבנות האבן זיי געדארפט ארויפלייגן אויפ'ן מזבח אלע חלקים פון די בהמה.

די תוה"ק רעכענט נישט אויס יעדער אבר פון די בהמה, נאר זאגט בכללות אז מען זאל מקטיר זיין די 'נתחים', אבער צוויי סארט אברים רעכענט זי יא אויס עקסטער.

די צוויי סארט אברים איז דער 'ראש' און דער 'פדר', די פעטענס וואס נעמט ארום די אברים ווי עס איז דער לשון הפסוק וערכו בני אהרן הכהנים את הנתחים את הראש ואת הפדר על העצים אשר על האש אשר על המזבח.

מיט וואס זענען די צוויי אברים באזונדער אז מען רעכענט זיי אויס? מילא די 'קאפ' וואלט מען געקענט זאגן אז מען געבט אפ כבוד פאר'ן קאפ, ווייל דאס איז דאך די חשוב'סטע אבר פון דער מענטש אבער דער 'פדר'? מיט וואס איז זי א יחסן אז די תוה"ק ווידמעט פאר איר א באזונדערע ווארט? מיר ווייסן דאך אז יעדע ווארט אין די תוה"ק איז דאך אויסגערעכענט, אז פון יעדן אות לערנט מען ארויס תילי תילי הלכות, נו, אויב אזוי פארוואס איז זיך די תוה"ק מטריח ארויסצושרייבן עקסטער דער 'פדר'.

רש"י אויפ'ן ארט פרעגט די קשיא, ער וויל פארשטיין דער 'פדר' - למה נאמר?

און ער געבט גלייך אן ענטפער, זאגנדיג אז דער 'פדר' שטייט מיט'ן ראש צו לאזן הערן אז ווען מען לייגט ארויף די בהמה אויפ'ן מזבח זאל מען לייגן די 'פדר' אויפ'ן 'ראש', אז די 'פדר' זאל באדעקן די 'ראש' און רש"י פירט אויס 'וזהו דרך כבוד של מעלה'.

עס איז נישט קיין כבוד ארויפצולייגן אויפ'ן מזבח די קאפ פון די בהמה געשאכטענערהייט מיט צוויי סימנים.

דער זען די בהמה ליגן געשאכטן איז א דרך בזיון און אז עס זאל נישט ליגן אויפ'ן מזבח א זאך דרך בזיון האט די תוה"ק אנגעזאגט אז מ'זאל באדעקן די 'ראש' מיט'ן 'פדר'.

פון דער פסוק לערנען מיר ארויס א וויכטיגער לימוד. מיר זעען אז אנדערש ווי מ'מיינט אז 'כבוד שמים' איז נאר מיט'ן אפהיטן די תורה און די מצוות, איז אויך דא א פליכט פאר 'חיצוניות'דיגע כבוד' אין בית המקדש, אז מען זאל נישט לייגן אין בית המקדש קיין זאכן וואס ברענגען דער בית המקדש לידי בזיון.

די זעלבע זאך זעט מען אויך ביי די מנורה, ווען מען האט געבויט די מנורה האט די תוה"ק געהייסן אז מ'זאל באצירן די מנורה מיט קנעפלעך, ווי די תוה"ק רופט זיי אן 'כפתורים' און רש"י אויפ'ן ארט ערקלערט ווי קומט אריין אין דער בית המקדש כפתורים, און זאגט אז דאס האט מען געמאכט לכבוד דער בית המקדש, ווי דער לשון פון רש"י איז: "כמין תפוחים עגולין סביב, בולטין סביבות הקנה האמצעי, כדרך שעושין למנורות שלפני

## טיב המערכת

### וְכִחֵשׁ בַּעֲמִיתוֹ

עס ווערט דערציילט אויף א בעל עגלה וועלכער פלעגט מאכן נסיעות פאר מענטשן, און פון צייט צו צייט פלעגט ער זיך אפשטעלן אונטערוועגנס, נעבן א פרוכט־גארטן [פרדס], קוקן רעכטס און לינקס, און ווען ער האט געזען אז מענטשן זעען נישט, האט ער 'צוזאמגעקליבן' פרוכט פונעם פרדס, און איז ווייטער געפארן.

איינמאל, איז מיטגעפארן מיט אים אין וואגן איינער פון די צדיקים, און ווען מען איז אנגעקומען נאנט צו א פרדס, האט דער בעל עגלה אפגעשטעלט דעם וואגן און ער האט געבעטן פונעם צדיק 'אויב וועסטו זען אז איינער זעט מיר, זאלסטו מיר לאזן וויסן'. דער צדיק האט צוגעשאקלט מיטן קאפ, און דער בעל עגלה האט גענומען א זאק אין האנט, און האט זיך ארויסגעלאזט צום גארטן. דער בעל עגלה האט נאכנישט אריינגעכאפט אריינצולייגן עפעס אין זיין זאק, און אט הערט ער געשרייען 'מ'זעט, מ'זעט'!! שטארק דערשראקן האט דער בעל עגלה געכאפט הענט און פיס און צוריקגעלאפן צום וואגן, צוגעאיילט די פערד און אוועקגעפארן פון דארט מיט א שנעלן גאַלאָפּ.

ווידעראמאל זענען זיי דורכגעפארן נעבן א פרדס, און ווידעראמאל האט דער בעל עגלה אפגעשטעלט זיינע פערד און זיך ארויסגעלאזט קלויבן פרוכט, נישט פארן בעטן דעם צדיק וואס איז געזעצן אין וואגן אז ער זאל אים ווארענען אויב איינער דערנענטערט זיך און קען אים זען. אויך יעצט האט דער בעל עגלה נישט עספיעט זיך צו דערווייטערן פונעם וואגן, און אט הערט ער די געשרייען פונעם צדיק וואס רופט אויס צו אים פונעם וואגן 'מ'זעט, מ'זעט''!! אויך יעצט איז דער בעל עגלה שנעל צוריק ארויפגעשפרינגען אויפן וואגן און געטריבן די פערד די שנעלסטע וואס איז מעגליך, און אזוי האט זיך די זעלבע זאך איבערגע'חזר'ט עטליכע מאל, ביז איינמאל האט זיך דער בעל עגלה אפגעשטעלט און געקוקט אויף אלע זייטן, פרעגנדיג דער צדיק מיט צארן: 'פארוואס שרייסטו 'מ'זעט, מ'זעט', אינדערצווייט וואס איז זע דא קיינעם נישט?

האט אים דער צדיק געענטפערט: 'אוודאי אז מען זעט! דער אויבערשטער זעט דיר דאך יעדער איינציגסטער רגע און ער ווייסט פונקטליך וואס דו טוסט. האסטו דען נישט מורא פון אים"?!

אויפן פסוק 'נֶפֶשׁ כִּי תֶחֱטָא וּמָעֲלָה מַעַל בַּד' וְכִחֵשׁ בַּעֲמִיתוֹ', ברענגט רש"י די ווערטער פון רבי עקיבא וואס ער זאגט אז 'וְכִחֵשׁ בַּעֲמִיתוֹ' מיינט מען דער וואס לייקנט אין הקב"ה, ווייל ווען א מענטש זאגט ליגנט מיינט ער אז ער לייקנט אין זיין חבר, אבער למעשה הייסט עס אזוי ווי ער לייקנט דעם מציאות פון הקדוש ברוך הוא, ווייל הקב"ה זעט דאך און ווייסט דאך דעם אמת, און ווען א מענטש טוט אן עבירה באהאלטענערהייט, לייקנט ער אין הקב"ה און אין זיין השגחה, און דעריבער איז דא אן אונטערשייד צווישן א גנב און א גזלן, וואס דער גזלן באצאלט נאר דער קרן, און א גנב וואס קומט באהאלטענערהייט דארף צאלן כפל, טאפלט, און צומאל אפילו ארבעה וחמשה, פיר אדער פינף מאל אזויפיל, ווייל דער וואס איז געקמען אפענערהייט און האט עובר געווען אן עבירה איז א חוטא, אבער א גנב וועלכער קומט באהאלטענערהייט, ווייזט ער דערמיט אז ער האט בכלל נישט קיין יראת שמים, און ער האט מורא פון מענטשן מער ווי ער האט מורא פונעם אויבערשטן, און דאס קען זיין נאך ערגער ווי דער וואס טוט אן עבירה בפרהסיא, און דערויף פרעגט/שרייט דער נביא 'אִם יִסָּתֵר אִישׁ בַּמִּסְתָּרִים וַאֲנִי לֹא אֶרְאֶנּוּ נְאֻם ד''?! (עפ"י טיב התורה – ויקרא)

מען קען הערן שמועס'ן און דרשות
פון מורנו ורבנו שליט"א - אין א עקסטערע נומער
אידיש: 073-2951321 לשה"ק: 073-2951320

טיב
ההודעות

השרים".

אויך דא זעט מען די נקודה אז אין בית המקדש האט מען געלייגט א דגש אז אין בית המקדש זאל מען אפגעבן כבוד וואס איז 'כבוד' אויף די וועלט, ווי רש"י דרוקט זיך אויס בלשונו הק' 'כדרך שעושין למנורות שלפני השרים'.

פוןביידע ערטער לערנט מען אויס א שטארקער יסוד, דער יסוד פון אפגעבן 'חיצוניות'דיגע כבוד' פאר א מקום קדוש.

אינדערצייט וואס ביי דער מענטש איז שייך אזא זאך ווי 'חיצוניות'דיגער כבוד' ווייל עס איז 'כבוד הבריות' איז מאדנע אז די זעלבע זאך זאל זיין אויך ביי הקב"ה, ווייל ביי הקב"ה איז נישט שייך קיין ערדישע כבוד, די כבוד פון הקב"ה איז אז זיין נאמען ווערט נתגדל ונתקדש, אבער דא זעט מען יא אזא זאך, אז אויך ביי הקב"ה איז שייך דער געדאנק פון געבן ערדישע כבוד.

בדרך אפשר קען זיין אז די 'חיצוניות'דיגע כבוד' איז טאקע נישט שייך ביי הקב"ה אבער דאך האט מען מצווה געווען אויף דעם, ווייל דאס וועט ממחיש זיין פאר'ן מענטש זיין פליכט, וואס ער האט מכבד צו זיין הקב"ה אויף די וועלט.

ווען א איד וועט זען אז אלעס איז כל כולו כבוד והדר און אז די תוה"ק איז מקפיד אז דער מקום המקדש זאל זיין ריין און שיין און מכובד, וועט ער דורך דעם נתעורר ווערן, אז ער אליין זאל מכבד זיין הקב"ה.

מען קען זאגן אז דער דערהער נעמט זיך פון דעם, ווייל מיר ווייסן דאך אז עס איז נישט מעגליך אז א ילוד אשה זאל משיג זיין כבודו יתברך, אפילו ווען מען איז אויף א הויכע דרגה, אבער אז מ'זאל וויסן זיך צו פירן בכבוד און מכבד זיין הקב"ה באנוצט מען זיך מיט גשמיות'דיגע מושגים וואס דערוועקן ביי א מענטש יראה און כבוד, און דורך איר וועט דער מענטש נתעורר ווערן מכבד צו זיין הקב"ה.

די בחינה טרעפט מען אין אסאך ערטער אבער מיט א קלארקייט געט עס ארויס דער הייליגער רמ"א אנהייבנדיג די שלחן ערוך אין אורח חיים, און מיר ציטירן דא לשונו בקודש: "שויתי ה' לנגדי תמיד, הוא כלל גדול בתורה, ובמעלות הצדיקים אשר הולכים לפני האלקים, כי אין ישיבת האדם ותנועותיו ועסקיו והוא לבדו בביתו, כישיבתו ותנועותיו ועסקיו והוא לפני מלך גדול, ולא דיבורו והרחבת פיו כרצונו, והוא עם אנשי ביתו וקרוביו, כדיבורו במושב המלך. כל שכן כשישים האדם אל לבו שהמלך הגדול הקב"ה, אשר מלא כל הארץ כבודו, עומד עליו ורואה במעשיו, כמו שנאמר: אם יסתר איש במסתרים ואני לא אראנו נאם ה' (ירמיה כג, כד), מיד יגיע אליו היראה וההכנעה בפחד השי"ת ובושתו ממנו תמיד", ביז אהער לשון הרמ"א.

זוכנדיג א מיטל וואס זאל דערוועקן די יראה און די כבוד וואס א איד דארף האבן פאר'ן בורא כל העולמים, נוצט דער רמ"א דער צושטעל פון א מלך בשר ודם, ווייל דאס איז די נענסטע זאך וואס מיר האבן, צו קענען פון איר צושטעלן די כבוד פאר'ן מלך מלכי המלכים הקב"ה.

מהאי טעמא איז דא דער דערמאנטער ציווי ביי די מנורה און ביי די קרבנות אז מיט'ן פדר זאל מען צודעקן דער 'בית השחיטה' און צוליב דעם ווערט גע'פסק'נט אין שלחן ערוך אז ווען מ'זאגט ארויס א דבר שבקדושה ווי ווען מ'שטעלט זיך דאווענען פאר הקב"ה, אדער ביי ברכת המזון, זאל מען זיך אנטון א בגד עליון, און ווי דער באר היטב שמועסט אויס אויפ'ן ארט [או"ח סימן קפ"ג סעיף ט' ס"ק י"א] זאגט דארט אז מען זאל זיך פירן אזוי "כדי להרגיש כעומד לפני שר וחשוב", און ער פירט דארט אויס וזה לשונו: "וכך ידמה לו הבורא בעת תפילתו. וכן בכל פעולה שהולך לעשות, ובפרט בעשיית מצוה, ידמה מלכותא דארעא כעין מלכותא דרקיע, וע"י הדמיון תבוא אליו היראה בפועל, וידע איך לקבל עליו את יראת הבורא".

די זעלבע געדאנק טרעפט מען אויך ביי מצוות, אז חז"ל דרשנ'ען [שבת דף קל"ג] אז מען זאל זיך מתנאה זיין במצוות, ווייל עס איז אונזער פליכט מכבד צו זיין דער יוצר כל היצורים.

די גמרא אין מסכת ברכות [דף ל"ב - ל"ג] ברענגט אראפ א מעשה מיט א חסיד וואס איז געשטאנען און געדאווענט און א חשוב'ער הגמון האט אים געגעבן שלום און דער חסיד האט אים נישט געענטפערט, ווייל ער איז געשטאנען און געדאווענט פאר הקב"ה.

דער הגמון איז געווען א יודע ספר, ער האט אים פארגעהאלטן פאר זיין התנהגות זאגנדיג אז ער האט די רעכט אים צו הרג'נען פאר דעם אליין.

דערציילט די גמרא אז דער חסיד האט אים געענטפערט ער זאל אים אויסווארטן ביז ווען ער וועט אים מפייס זיין בדברים. דער הגמון האט געווארט, און דער חסיד האט אים צוריקגעפרעגט וואס וואלט געווען אויב ער שטייט פאר'ן קעניג און עס גייט אריבער א שר און געבט אים שלום, צי וואלט ער זיך דערוואגט אים צו ענטפערן? זיכער אז נישט!

דער חסיד האט אויסגעפירט אז יעצט איז ער געשטאנען און גערעדט צו הקב"ה, און ווי אזוי קען ער אים ענטפערן ווען ער שטייט און רעדט צום מלך.

דערציילט די גמרא אז דער הגמון האט אנגענומען די ווערטער פון דעם חסיד און אים צורוה געלאזט.

די מעשה לערנט אונז אויס אז אויך דער גוי'אישער הגמון קען פארשטיין דער צושטעל פון א קעניג צו דער מלך מלכי המלכים, און דאס איז א קל וחומר פאר אונז אז מיר זאלן זיך נוצן מיט די גשמיות'דיגע ביישפילן און זיך אפלערנען פון איר ווי אזוי זיך צופירן מיט הקב"ה און זיך נוהג כבוד זיין אין הקב"ה.

זאל הקב"ה העלפן אז מיר זאלן אייביג האבן די קלארע דעת און זיך נוהג כבוד זיין ווען מ'שטייט לפני המלך הגדול והנורא.

טיב

דהשגחה

## מעשיות אויף השגחה פרטית

### געשריבן הזך ליינערס

# א חזן מיט א בעל קורא פאר שבת שקלים

פאר לאנגע יארן דין איך אלץ א חזן אין איינס פון די שולן אין ארץ הק'.

מיין חזנות שטעלע איז א באצאלטע שטעלע, איך באקום דערפאר באצאלט יעדע חודש א געהאלט.

עס איז געווען אין די טעג פאר שבת שקלים, איך האב גע'חזר'ט די סדר היוצרות, די שטיקלעך וואס מ'זאגט הויך, און די שטילערע שטיקלעך, ווען דער גבאי פון די שול, וואו איך דין אלץ חזן, קלינגט מיר אריין.

"די וואך האט א איד פון שול יארצייט, ער וועט דאווענען פאר'ן עמוד".

איך בין גוט באקאנט מיט דעם איד, איך ווייס אז דער ציבור גלייכט אים נישט צו זען ביים עמוד. דער איד יכול'ט נישט און ער איז א שטאַטער דאווענער.

ספאנטאניש, אן טראכטן א רגע, האב איך רעאגירט.

"און וואס טוט מען מיט טירחא דציבורא, דו ווייסט דאך, דער ציבור"...

אויפ'ן ארט האב איך זיך געכאפט אז עס איז דאך לשון הרע! וועלנדיג ווערן מער זהירות'דיגער האב איך אויפ'ן ארט באשלאסן ביי מיר אז יהיה מה שיהיה - די וואך שבת שקלים גיי איך נישט דאווענען אין די שול פאר'ן עמוד.

זאל עס זיין פאר מיר א קנס, איך זאל געדענקען צו זיין זהיר אין די כבוד פון א צווייטן איד.

א טאג, צוויי, איז פאראיבער, איך באקום א פרישער טעלעפאן־רוף, עס רעדט דער גבאי פון א שכינות'דיגע שול.

"איך זוך א גוטער בעל תפילה פאר שבת שקלים. מיר גייען האבן א שמחה אין שול. ביי די שמחה וועלן אויך אנטיילנעמען אזעלכע אידן וואס זענען נישט פרום, אז זיי וועלן הערן א שיינע דאווענען וועלן זיי הנאה האבן, און ווער ווייסט.... אפשר וועט זיך נאך דערוועקן אין זיי די אידישע פונק".

דער גבאי האט ממשיך געווען צו רעדן אויף מיין חשבון, אז זיכער בין איך שוין פארנומען דעם שבת.

"דו וועסט האבן דיין קביעות'דיגע ברעטל".

יעצט איז געווען מיין רייע אים איבערצוראשן, איך האב אים געלאזט וויסן אז ניין! אז ביי אונז אין שול האט א יארצייט און כ'וועל נישט קענען דאווענען פאר'ן עמוד.

"אז ער וויל", האב איך אויסגעפירט.

"קען איך עס אננעמען".

דא וואלט זיך געקענט ענדיגן די מעשה, איך וואלט געקענט באטאנען ווי אזוי מען האט מיר געוויזן פון הימל אז פון א מעשה טוב דערלייגט מען נישט, אבער די מעשה האט נאך א המשך.

געציילטע שעה שפעטער קלינגט מיר דער גבאי פון אונזער שול. ער אנטשולדיגט זיך פאר מיר אז דא איז געשען א טעות, דער איד וואס דארף דאווענען פאר'ן עמוד די שבת האט יארצייט א וואך שפעטער און אז כ'זאל יא דאווענען די וואך פאר'ן עמוד.

"איך בין שוין באשטעלט ביי די שכינות'דיגע שול".

דער גבאי האט משלים געווען מיט די מציאות.

אנקומענדיג אין יענער שול האב איך פארשטאנען אז דא איז געווען נאך א רינגעלע אין די 'השגחה פרטית'.

"דו ווייסט נישט וואספארא מזל איך האב אז דו ביסט דא מיט אונז דעם שבת", זאגט מיר דער גבאי.

"מיר האבן א בעל קורא, ער ליינט יעדן שבת די קריאה, אבער היינט פארטאגס האט ער זיך נישט גוט געשפירט. מען האט אים אריינגעפירט אין שפיטאל, דו קענסט דאך אויך ליינען"...

יא, איך בין אויך א בעל קורא.

יעצט האט זיך דער פאזעל צוזאמענגעשטעלט פון אלע זייטן, עס האט זיך געפירט אזוי, אז דער שול זאל האבן א בעל קורא אויף שבת.

[דערציילט דורך דער בעל המעשה: א.נ.]

די פאראינטערעסירטע צו מיט טיילן מזכה זיין את הרבים מיט מעשיות פון השגחה פרטית זאל שיקן צו ר' שמחה סמואלס אין פקס: 15326517922

# קְרִיאָה שֶׁל חִבָּה

**"וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה, וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו וגו'"** (א, א).

איז **רש"י** מפרש, וזה לשון קדשו: **"לְכָל דִּבְּרוֹת וּלְכָל אֲמִירוֹת וּלְכָל צִוּוּיִים קָדְמָה קְרִיאָה, לָשׁוֹן חִבָּה, לָשׁוֹן שֶׁמַּלְאֲכֵי הַשָּׁרֵת מִשְׁתַּמְּשִׁים בּוֹ, שֶׁנֶּאֱמַר** (ישעיה ו, ג) **וְקָרָא זֶה אֶל זֶה".**

אינעם ספר הקדוש **אוהב ישראל** פון הרה"ק מאפטא **זי"ע** [יומא דהילולא קומענדיגער מאנטיג ה' ניסן] שרייבט ער א וואונדערליכער יסוד (ליקוטים חדשים אין די וואכעדיגע פרשה), וזה לשון קדשו: "דַּע, שֶׁבָּא רַשִׁ"י ז"ל כָּאן לְלַמְּדֵנוּ כְּלַל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה. וְהַיְנוּ, כְּמוֹ שֶׁמֹּשֶׁה לֹא הָיָה נִגַּשׁ לְדַבֵּר עִם הַשְּׁכִינָה עַד שֶׁקְּדָמוֹ קְרִיאָה, כְּמוֹ כֵּן צָרִיךְ הָאָדָם הָרוֹצֶה לַעֲלוֹת אֶל ה' מִמַּדְרֵגָה לְמַדְרֵגָה, בְּכָל מַדְרֵגָה צָרִיךְ הוּא שֶׁיַּקְדִּימוֹ קְרִיאָה מִן הַשָּׁמַיִם, וְלִתֵּן לוֹ אוֹתוֹ הַמַּדְרֵגָה".

"כִּי הָעַבְדוּת הָאֲמִתִּית לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הוּא דַּוְקָא מִי שֶׁעוֹבֵד אֶת ה' יִתְבָּרַךְ, וְאֵינוֹ רוֹצֶה בֶּאֱמֶת שׁוּם מַדְרֵגָה, עַד שֶׁקּוֹרְאִין לוֹ וְכוֹפִין אוֹתוֹ מִן הַשָּׁמַיִם עַל זֶה, כִּי הוּא צֹרֶךְ הָעוֹלָם וכו'". [זע דארט, וואו ער איז מאריך און לויט דעם געבט ער צו פארשטיין פארוואס מיר זעען אז אסאך מענטשן זענען שטארק אראפגעפאלן פון זייער מדריגה אין תורה ועבודה, און טייל מענטשן זענען אפילו משוגע געווארן רחמנא ליצלן, אדער זענען זיי חלילה אריינגעפאלן אין מרה שחורה, עיין שם. - און דאס אלעס איז געשען דערפאר וואס זיי האבן געכאפט צו שנעל און גענומען מדריגות וואס זענען נישט געווען פאסיג פאר זיי, און עס איז נישט געקומען פריער א **קְרִיאָה שֶׁל חִבָּה** צו זיי, ודו"ק].

עס איז באוואוסט די ווערטער פונעם הייליגן **בעל שם טוב זי"ע**, אז פון יעדן געשעעניש וואס געשעט מיטן מענטש, און פון יעדן זאך וואס א מענטש זעט אויף דער וועלט, זאל מען זיך אויסלערנען דערפון עפעס אן ענין אין עבודת השם, און עס איז נישטא קיין שום געשעעניש וואס געשעט מיט א מענטש אדער וואס דער מענטש זעט, און עס איז געווען אומזיסט. וויבאלד ממש דער גאנצער צייט טוט השם יתברך ארויסרופן צו א איד, און ער איז אים מרמז רמזים וואס ער וויל פון אים לויט זיין מדריגה און די ענינים פון זיין לעבן, און מען זאל נאר עפענען די אויגן און אויפכאפן דעם **קריאה של חיבה**.

דורשי רשומות האבן דאס ארויסגעלערנט פון דאס וואס עס שטייט די ווארט "וַיִּקְרָא" מיטן **"אָלֶף זְעִירָא"**, דעם קליינעם אל"ף, אונז צו ווייזן אז יעדער זאך וואס געשעט אויף דער וועלט, אפילו אין עפעס וואס איז זייער קליין, טוט השם יתברך אויסלערנען דעם מענטש עפעס און ער וויל אים געבן פארשטאנד, און ער רופט צו אים דער גאנצער צייט מיט **קריאה של חיבה**.

[אזוי ווי מען טוט דאס צוגלייכן צום היינטיגן "דזשי. פּי. עס" מאשין, וואס ווייזט וויאזוי צו פארן און אנקומען צום ציל. אזוי אויך האט הקב"ה צוגעגרייט פאר יעדן איינעם אן אינערליכע "דזשי. פּי. עס", כי דורכדעם זאל דער מענטש וויסן וויאזוי צו גיין און וויאזוי זיך צו פירן על פי דת תורתינו הקדושה ביי יעדער זאך].

און דעריבער הייבט מען אן צו לערנען מיט די קליינע קינדער דעם פסוק, כדי עס זאל זיין צום ערשט א **'קריאה של חיבה'** אינדערצייט וואס ער גייט אריין אין תלמוד תורה און הייבט אן לערנען די הייליגע תורה.

***

פון די פאלגנדע טיב המעשה, וועלן מיר קענען ארויסלערנען וואס דאס איז די **"קריאה של חיבה"**.

עס איז אמאל געווען צוויי שותפים, צוויי גוטע אידן וועלכע האבן געעפנט א געלונגענע געשעפט אין אמעריקע. איינער פון די שותפים האט זייער ליב געהאט צו עוסק זיין במצוות, און אין יעדן געלעגנהייט פון א מצוה וואס איז אים אונטערגעקומען, האט ער געזאגט - דא האב איך פאר מיר א **'קריאה של חיבה'** פון הימל! און ער איז גלייך געגאנגען עוסק זיין אין די מצוה, און ער האט געלאזט די ארבעט אין געשעפט פארן צווייטן שותף...

דער שותף האט נישט מסכים געווען צו די אלע ארויסדרייעניש, וועלכע האבן אויסגעניצט אסאך צייט און אסאך געלט, און ער האט געהאלטן אין איין טענה'ן, אויפן אמעריקאנעם שטייגער: "טיים איז מאני"... (צייט איז געלט...) - אבער זיין חבר האט אים געגעבן צו פארשטיין, אז ער גלייבט אז דווקא אין זכות פון די מצוה וועט דער געשעפט זוכה זיין צו ברכה און הצלחה! און וויבאלד השם יתברך רופט צו אים מיט א קריאה של חיבה אז ער זאל זיך באשעפטיגן מיט די מצוה, איז נישט מעגליך אפצוזאגן!

אט דער שותף וואס לויפט נאך מצוות, האט א ליבליכער איידעם, וואס אזוי ווי זיין שווער איז ער אסאך עוסק אין קירוב רחוקים. איינמאל האט דער איידעם געבעטן פארן שווער אז ער זאל אים באגלייטן כדי מקרב צו זיין א געוויסער גביר וועלכער איז געווען א סוחר, וואס עס איז שוין געווארן צווישן זיי א גוטער קשר, און ער דארף נאר אביסל הילף פונעם שווער, וויבאלד צוליב זיינע געשעפטן קען ער בעסער דער וועלט פון די סוחרים. דער שווער האט גערן צוגעשטימט ארויסצוהעלפן מיט די מצוה און זיי זענען אנגעקומען אינאיינעם צום הויז פונעם גביר, וועלכער איז דערוויל געווען א הויז אינגאנצן אן תורה און מצוות. אזוי שמועסנדיג אנגענעם, האט דער גביר געזאגט צו דער סוחר: זאג נאר, האסטו דען נישט וואס צו טון? דו ביסט דאך א סוחר, איז גיי ארבעטן! עס איז דאך א שאד פאר איינער מיט אזעלכע כשרונות ווי דיר, נישט צו גיין מאכן געלט... מ'דארף דאך ארבעטן!

האט אים דער סוחר געענטפערט: הער מיר גוט אויס! דווקא וויבאלד איך בין א געפעפערטע געשעפטסמאן, ווייס איך אז די הצלחה איז נישט אנגעהאנגען בלויז אין די ארבעט, נאר, אזוי ווי די סוחרים זאגן, דארף מען האבן 'אביסעלע מזל'... און ביי אונז רופט מען דאס: **'סייעתא דשמיא'!** אפילו אויפן דאלער באַנקנאָט [שטר] שטייט אז מען גלייבט אינעם אויבערשטן!

און דערפאר, ווען עס קומט מיר אונטער א מצוה, און איך פיל ווי דער אויבערשטער רופט ארויס צו מיר מיט א קריאה של חיבה, טו איך צושפרינגען דערצו מיט א פלאם און בשמחה! און איך גלייב און איך בין פארזיכערט, אז די גאנצע ברכה וואס מיר האבן אין אונזער געשעפט, איז אלעס דורכן זכות פון די מצוה וואס דאס ברענגט די ברכה!

פון די אנדערע זייט, האט אבער די ווייב פון דעם שותף, בשום אופן נישט געקענט מסכים זיין דערצו, ז איר מאן ש ט י צ ט און האלט

אויס דער איידעם א גאנצע צייט... און אנשטאט צו ארבעטן באשעפטיגט ער זיך מיט קירוב רחוקים, און זי האט געפאדערט פון איר מאן אז ער זאל אויפהערן זיי צו שטיצן, אבער ער איז נישט געווען גרייט צו הערן פון גארנישט.

ווען די פּאָר־פּאָלק זענען געקומען ביי איינער פון די גדולי ראשי הישיבות אין אמעריקע, און האבן אראפגעלייגט פאר אים זייער פראגע, האט ער געזאגט צו זיי: און ווער זאגט דען, אז דער שווער האלט אויס דער איידעם? אפשט איז דער איידעם דער וועלכער האלט אויס דער שווער... ווייל אין זכות פון החזקת התורה איז דער געשעפט מצליח און עס באגליקט...

איין טאג איז אנגעקומען קיין אמעריקע איינער פון די גדולים פונעם פריערדיגן דור, זצ"ל, און דער שותף וועלכער איז געווען זייער מקושר צו אים, איז במשך א וואך צייט נישט געקומען צו דער ביזנעס! ער האט נאר באגלייט דעם רב א גאנצע צייט, און האט אים ארומגענומען צו די עשירים פון שטאט, זיי צו מזכה זיין פאר זיינע פילע און טייערע צְדָקוֹת.

דער צווייטער שותף, וועלכער האט געדארפט אליין פירן דעם געשעפט דורכאויס א וואך צייט, האט זיך ממש 'צופלאצט', און האט קלאר געלאזט וויסן פאר זיין חבר, אז אויף אזא שטייגער קען מען ווייטער נישט פירן אן ערנסטע געשעפט! און די שותפות האט זיך צופלאצט...

דער ערשטער שותף, וועלכער איז אלעמאל עוסק אין מצוות, איז איבערהויפט נישט איבערגענומען געווארן. ער האט באלד נאכדעם געעפנט א נייער ביזנעס, וואס איז זייער געבענטשט געווארן, און ער האט זייער מצליח געווען און איז געווארן גרעסער און רייכער פון טאג צו טאג, ביז ער איז פארוואנדלט געווארן אין איינער פון די גרעסטע עשירים פון אמעריקע. אבער זיין חבר איז געבליבן שטעקן דורכאויס עטליכע יאר... עס איז אים נישט געלונגען צו טון קיין נייע געשעפטן, און ער האט אפילו נישט פארדינט קיין איין דאלער!!!

**דאס לערנט אונז, אז מען דארף זיין מקושר מיט דער "קֵל זָן וּמְפַרְנֵס", און גוט אויסהערן דעם ליבליכן רוף, דעם 'קריאה של חיבה' וואס השם יתברך רופט שטענדיג אויס צום איד, אים צו דערנענטערן צו די הייליגע תורה און צו עבודת השם יתברך בְּחֵפֶץ לֵב!**

***

**איינער פון די גדולי ירושלים** האט אמאל געדארפט וויכטיג זיך ארויסלאזן אויף א נסיעה צו די שטאט **בני ברק יצ"ו.** דער צייט איז זיי געווען זייער געדרוקט, און דער דרייווער וועלכער איז געווען א מומחה האט פראבירט מיט אלע כוחות צו פארן די שנעלסטע וואס מעגליך, כדי זיי זאלן קענען אנקומען און דערגרייכן זייער ציל באצייטנס.

ווען פלוצלונג, האט זיך דער אויטא אפגעשטעלט און אויפגעהערט צו פארן. דער גרויסער רב וועלכער איז געווען פארזינקען אינעם ספר וואס איז געווען אפן פאר אים, האט געעפנט זיינע הייליגע אויגן, און געבעטן אז מען זאל אים געבן צו פארשטיין פארוואס מען האט זיך פלוצלונג אפגעשטעלט. - דער דרייווער האט אים אבער ערקלערט אז דאס איז גארנישט, נאר, ממש איידער ער האט עספיעט אריבערצופארן דעם דורכגאנג, האט זיך דער קאליר פונם פארקער־סיגנאל [רמזור] געטוישט צו רויט! און שטייענדיג אנטקעגן דעם רויטן

קאליר קען מען גארנישט טון!

האט זיך דער רב געוואנדן צום דרייווער און צו די פמליא וואס האט זיך אנגעשלאסן אין די נסיעה, און ער האט געזאגט: פארוואס זאלסטו זאגן אז דאס איז גארנישט... עס איז דאך באוואוסט פון דער **בעל שם טוב הקדוש**, אז פון יעדער זאך וואס מען זעט אויף דער וועלט, זאל מען זיך עפעס ארויסלערנען צו עבודת השם, און עס איז נישטא קיין שום זאך וואס דער מענטש זעט אומזיסט אויף דער וועלט. און מען זאל וויסן און געדענקען אז ביי יעדער זאך איז דא א '**קריאה של חיבה**', א ליבליכע רוף וואס השם יתברך רופט צו אים!

און דעריבער, ווען מען שטעלט זיך אפ אזוי פלוצלונג ווען דער לעקטער איז געווארן רויט, לאמיר זיך מתבונן זיין, וואס מיר קענען זיך ארויסלערנען דערפון. וויבאלד דער נאמען דערפון ווייזט שוין אז עס קומט אונז עפעס מרמז זיין, אזוי ווי מענטשן רופן עס "**רמזור**", דאס איז אזוי ווי 'רמז – אור', דאס מיינט אז דער אור איז מרמז פארן מענטש דער וועג וואס ער זאל גיין.

אויב אזוי, וואספארא מוסר השכל קענען מיר ארויסנעמען פון דא? וואס לערנט אונז יעצט השם יתברך?

נאר, האט דער רב ערקלערט און געגעבן צו פארשטיין, דער לעבן איז דאך א לאנגע און געדרייטע גאס, אויפן וועג צום ציל. דער מענטש הייבט אן גיין ווייטער און ווייטער אויפן גאס, און ער פארט גוט אויפן שאסיי, און אלעס פארט גלאטיג, ברוך השם. אבער פלוצלונג, **האלט!** עס איז דא א נסיון! די נסיעה ווערט גלייך אפגעשטעלט, און יעצט דארף מען זיך אפשטעלן און מאכן א גוטער חשבון הנפש, וויאזוי שטארק מען זיך אויפן שטרויכלונג? עס איז דא א שווערקייט! עס איז דא א נסיון! דא דארף מען זיך אפשטעלן, און צולייגן קאפ צום רויטן לעקטער און וואס עס קומט אונז מרמז זיין!

**א רגע פון התבוננות, א צייט פון מאכן א חשבון איבער די וועג, דעם ריכטונג, צי מיר זעצן פאָר ריכטיג דעם פארשריט... אכטונג!**

שוין, מען איז אריבערגעגאנגען די גאס אזוי ווי עס דארף צו זיין, נאכן זיך אפשטעלן ביי רויט און מען האט אכטונג געגעבן, געקוקט ווי מען גייט, און מען קען שוין ווייטער פאָרן. אט מיינט מען שוין אז מען איז שוין אנגעקומען צום געוואונטשענעם ציל... אבער נאך א קורצע צייט, איז פלוצלונג ווי 'אויסגעוואקסן' נאך א רויטע לעקטער! **האלט!** עס איז דא נאך א נסיון, נאך א סטאנציע. שטעל זיך אפ!

און אזוי גייט מען ווייטער אין וועג, פול מיט רויטע לעקטער און פארשידענע ערטער וואו מען דארף זיך אפשטעלן, ביז מען קומט אן צום תכלית.

לאמיר אלע האפן צו השם יתברך, האט דער רב אויסגעפירט, אז מען זאל דורכגיין דעם וועג מיט ווי ווייניגער 'רעפארטן' [קנסות]... און אוודאי אן קיין עקסידענטן [תאונות] חלילה... אז די רייזנדע זאלן נישט אנקומען צו פארשידענע ערטער צו וועלכע מען האט בכלל נישט געוואלט אנקומען... צי אין ארעסט, אדער חלילה צום שפיטאל... רחמנא ליצלן, און אין אן ערגערן פאל, צום בית הקברות! – דאס אלעס איז דאך איבערהויפט נישט געווען די ריכטונג פון די נסיעה מלכתחילה, נאר עפעס וואס האט זיך קאמפליצירט און פארדרייט אויפן וועג, זיך דרייענדיג אין פארשידענע קאמפליקאציעס.

דעריבער לאמיר זען גוט צו צולייגן קאפ צו די "רויטע לעקטערס" פונעם לעבן, און פארשטיין די סימנים וואס מען שיקט ארויס צו אונז אויף דער וועלט מיט א **קריאה של חיבה** פון הימל. מען זאל חלילה נישט מאכן קיין 'טרעפיק פארלעצונגען' [עבירות תנועה] חלילה, און נישט צוטומלט ווערן אויפן וועג, נאר שפאנען מיט גלייכקייט און מיט די זיסע און אנגענעמע וועגן פון די תורה, וועלכע פלאסטערט אויס פאר אונז דעם גלייכן און גוטן וועג צום תכלית פונעם לעבן!

***




**איינער פון די גדולי ישראל** האט אמאל געזאגט, אז פון דער **רויטער לעקטער** קען מען ארויסלערנען די מדה פון **סבלנות, געדולד!** – אט איילט זיך א מענטש אין וועג, ער מוז כאפן און זיך איילן די שנעלסטע וואס מעגליך, וויבאלד מען וויל ארייננכאפן אין א קורצע צייט אלעס וואס מען האט געפלאנט צו טון. און דא איז מען געבליבן שטעקן אינמיטן וועג! עפעס קלאפט נישט פונקטליך, וויבאלד דער לעקטער איז געווארן רויט! מען קען נישט יעצט ארייינלויפן אין גאס, וויבאלד עס איז א סכנה, מען מוז פשוט ווארטן!

דער נאר קען טראכטן אז דער רויטער לעקטער זוכט זיין שלעכטס, און ער האט אפילו א פעסטע ראיה דערצו! ווייל טאמער נישט, פארוואס האט זיך דער קאליר געטוישט צו רויט פונקט אינעם רגע וואס איך בין אנגעקומען? דעריבער מוז מען זאגן אז ער וויל האבן מיין שלעכטס... – דער חכם ווייסט און פארשטייט אבער, אז עס איז דא א סדר אין לעבן, יעדע פּאָר מינוט טוישט זיך דער קאליר פון דער לעקטער לויטן פלאן וואס מען האט אויסגעשטעלט אינעווייניג, און אזוי גייט אויך דער לעבן, מען דארף האבן אסאך געדולד...

מען דערציילט אויפן **גערער רבי זצוק"ל דער הייליגער "בית ישראל"**, וואס כַּיָּדוּעַ פלעגט ער שפאצירן איבער די גאסן פון די הייליגע שטאט ירושלים אין די פארטאגס שעה'ן, ווען יעדער שלאפט, און די גאסן זענען געווען ליידיג פון מענטשן. איז ווען ער איז אנגעקומען צו א גאס וואו עס איז געווען א רויטער לעקטער, טראצדעם וואס די גאסן זענען דעמאלטס געווען אינגאנצן ליידיג, האט ער זיך געשטעלט ווארטן ביז דער לעקטער איז געווארן גרין, ערקלערנדיג אז דא דארף מען ארבעטן אויף די מדה פון סבלנות! און ווען מען הייסט ווארטן דארף מען ווארטן.

אין א געלעגנהייט, האט ער מיט זיין שארפקייט צוגעפאסט דערצו די ווערטער פונעם פסוק (במדבר כ, יח): "וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֱדוֹם לֹא תַעֲבֹר בִּי", אז דאס איז מרמז אויפן רויטן לעקטער, וועלכער רופט אויס צום מענטש, "לֹא תַעֲבֹר בִּי" – גיי נישט אריבער, ווען איך בין דא!





יהודי יקר! אל תחזיק טובה לעצמך, הנך מוזמן להדפיס ולהפיץ את העלון באזור מגוריך ולהיות שותף לזיכוי הרבים. המעוניינים יקבלו את העלון במייל (אפשר גם ישירות לדפוס) בקובץ להדפסה.

Anyone Interested in receiving Tiv Hakehila weekly in Hebrew or English should Email - Sheldon@hpins.net Or | zeligk@gmail.com or text 718-249-7173